בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בשלח תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 469

## פניני אמונים

**פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה**

### א תפילה בהכנעה ווערט אנגענומען

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ"** (יד טו)

די קשיא איז באקאנט: וואס זאל משה טון אין א צייט פון א צרה, אויב נישט שרייען צו ה'?

**רבי אריה צבי פרומער פון קוז'גלוב** זאגט אז דערפאר האט אונקלוס געטייטש דעם פסוק: "מַה תִּצְעַק אֵלָי", מיט די באדייט: "קבילית צלותך" - איך האב אנגענומען דיין תפילה. לויט זיין פשט, קומט נישט דער אויבערשטער זאגן פאר משה ער זאל אויפהערן דאווענען, נאר פארקערט, אים זאגן אז זיין תפילה איז אנגענומען געווארן: "מַה תִּצְעַק" - דאס וואס דו האסט געשריגן, האט דערגרייכט "אֵלָי" און דיין תפילה איז אנגענומען געווארן.

לייגט צו דער קוז'גלובער רב: דער פסוק איז אויך מרמז אז די תפילה זאל אנגענומען ווערן איז דאס געוואנדן אין די הכנעה צום אויבערשטן; "מַה תִּצְעַק" - אויב דיין תפילה וועט געזאגט ווערן מיט הכנעה, אין די בחי' פון "מה" (ראה רש"י להלן טז ז), ביזסטו פארזיכערט אז די טויערן אין הימל וועלן זיך עפענען פאר די תפילה און עס וועט דערגרייכן ביז "אֵלָי".

'ארץ צבי'

### דער ים האט זיך געשפאלטן 'לפני משה'

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ; וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ וּנְטֵה אֶת יָדְךָ עַל הַיָּם וּבְקָעֵהוּ וְיָבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה"** (יד טו-טז)

**ערקלערט רבי יוסף שאול נאטאנזאהן:**

אויב דער ציל פון שפאלטן דעם ים סוף איז געווען ערמעגליכן די אידן אריבערצוגיין, וואלט השי"ת זיי געקענט פירן העכער די וואסער אן דארפן שפאלטן די ים. די סיבה פארוואס ער האט געמאכט דעם נס דווקא אויף דעם אופן, איז געווען צו ווייזן פאר אלע אידן אז ה' האט מכניע געווען די טבע אונטער משה איש האלוקים: ווען ער האט גענייגט די האנט העכערן ים איז עס געשפאלטן געווארן אויף צוויי און ווען ער האט געבויגן די האנט א צווייטע מאל איז די וואסער צוריק צו זייער שטארקייט. און דאס האט הקב"ה געזאגט צו משה: "מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ" - העכער די וואסער אזוי ווי אויף די יבשה. אבער ווייל איך וויל ווייזן פאר די אידן אז די טבע איז אונטער דיר, דערפאר: "וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ וּנְטֵה אֶת יָדְךָ עַל הַיָּם וּבְקָעֵהוּ".

מיט דעם וועט מען פארשטיין די סיבה פארוואס מען האט מתקן געווען זאגן ביי מעריב: "מלכותך ראו בניך בוקע ים לפני משה"; די סיבה פארוואס הקב"ה האט געשפאלטן דעם ים איז געווען "לפני משה" - צו ווייזן אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן די מאכט העכער די טבע.

'דברי שאול' מהדורא קמא

### די תפילה פון משה איז אנגעהאנגען אין די אידן

**"וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק"** (יז יא)

חז"ל דרש'ענען אין משנה (ר"ה כט א): "וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה? אלא לומר לך: כל זמן שהיו ישראל מסתכלים כלפי מעלה ומשעבדים את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים, ואם לאו היו נופלים".

לכאורה דארף מען פארשטיין: 'ידיו של משה' טון דען **נישט** 'מלחמה', אסאך מאל טרעפן מיר אז משה האט גערעטעוועט די אידן דורך אויסשפרייטן זיינע הענט מיט א תפילה אויף זיי?

דער **מהר"ם חביב** ערקלערט, עס איז קלאר געווען פאר די חכמי המשנה אז 'ידיו של משה' האבן געקענט פירן די מלחמה, דערפאר האבן זיי זיך געוואונדערט: פארוואס אויב אזוי האט ער פון מאל צו מאל אראפגעלאזט זיינע הענט פון צו דאווענען און דורך דעם האט ער ערמעגליכט פאר עמלק זיך צו שטארקן? ענטפערן חז"ל, ווייל משה איז געווען דער שליח פון די אידן, דעריבער איז די הצלחה פון זיין תפילה געווען אנגעהאנגען אין זיי; ווען די אידן האבן משעבד געווען זייער הארץ לאביהם שבשמים, האט ער געהאט כח אויסשפרייטן זיינע הענט מיט א תפילה פאר זיי, און ווען זיי האבן נאכגעלאזט, איז אפגעשוואכט געווארן זיין כח און ער האט אראפגעלייגט זיינע הענט.

אויך דער **'שפת אמת'** ערקלערט אזוי, און לייגט צו אז דער יסוד איז מרומז אין פסוק: "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ" איז דאס א צייכן אז "וְגָבַר יִשְׂרָאֵל" און זיי האבן משעבד געווען זייער הארץ לאביהם שבשמים.

'יום תרועה' ר"ה כט א; 'שפת אמת' פר' זכור תר"נ

### משה האט געדאוונט תפילת נעילה

**"וִידֵי מֹשֶׁה כְּבֵדִים וַיִּקְחוּ אֶבֶן וַיָּשִׂימוּ תַחְתָּיו וַיֵּשֶׁב עָלֶיהָ וְאַהֲרֹן וְחוּר תָּמְכוּ בְיָדָיו מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה אֶחָד וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ"** (יז יב)

ערקלערט הגרי"ז מבריסק:

אויבן (פס' י) שרייבט רש"י אז לענגאויס די גאנצע מלחמה פון עמלק האט משה געפאסט. און מען קען זאגן אז ווייל ביי תעניתים דאוונט מען נעילה "סמוך לשקיעת החמה" (רמב"ם תפילה א ז) האט די תורה געשריבן: "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה", אז משה רבינו האט אויסגעשפרייט זיינע הענט ביי תפילת נעילה (כדפרש"י) וואס האט זיך פארצויגן "עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ".

'חידושי הגרי"ז על התורה'

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### אמן און אמונה

נאך די מעמד פון קריעת ים סוף, האבן די אידן דערגרייכט צו די העכסטע מדריגה פון אמונה, און ווי די תורה זאגט עדות אין אונזער פרשה (שמות יד לא): "וירא ישראל את היד הגדלה אשר עשה ה' במצרים, וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו".

רבינו בחיי, איינער פון די גרעסטע מפרשים אויף די תורה, האט פון דעם פסוק ארויסגעלערנט א וואונדערליכער גילוי איבער די סוד פון ענטפערן אמן, און דאס זענען זיינע ווערטער: "ומפני שהאמונה יסוד כל התורה כולה, תקנו לנו רבותינו זכרונם לברכה בתפילה ובברכות לענות אמן".

עס זעהט אויס אז רבינו בחיי וויל אונז קלאר מאכן, אז אפילו היינט, טויזנטער יאר נאך דעם מעמד קען יעדער פון אונז צוקומען צו די מדריגה פון אמונה פון דער דור וואס איז ארויס פון מצרים. דורך ענטפערן אמן איז דער וועג אויסגעפלאסטערט פאר יעדן איד, אין וועלעכע מדריגה ער איז, צו קענען איינווארצלען און מחזק זיין די אמונה אין זיין הארץ.

רבינו בחיי זאגט א וואונדערליכן חידוש, אז ענטפערן אמן איז נישט נאר ווי זיך צושטעלן צו די ברכה, ווייל אויב יא, וואלט מען עס געקענט טון דורך אנדערע וועגן פון משבח זיין. די חז"ל האבן באזונדער אויסדערוועלט די ווארט "אמן" - מיט אירע גענויע נקודות - ווייל די ווארט האט א ריזיגן און וואונדערליכן כח צו אויפבויען די אמונה אין הארצן פון יעדן מענטש.

דאס קען אונז ערקלערן פארוואס חז"ל האבן געזאגט אזויפיל סגולות אויף ענטפערן אמן, און צוגעזאגט אזויפיל גוט'ס פאר די וואס זענען מקפיד עס ענטפערן ווי עס דארף צו זיין. ווייל יעדער מענטש פארשטייט און אנערקענט אז דער בעסטער וועג צו ממשיך זיין ישועות און ברכות איז די אמונה פשוטה און תמימה, וואס ווערט אריינגעבויעט אין די הארץ דורך 'אמן'.

לויט מיין מיינונג, די ווערטער פון 'רבינו בחיי' קען אונז געבן נאך א בליק אויף דעם אלטן מנהג צו זאגן ברכות השחר בחברותא. ווייל דער יסוד פון תפילה איז אמונה, און ווען א מענטש איז זוכה איינווארצלען אמונה אין זיין הארץ נאך פארן דאווענען, דורך ענטפערן אמן, דעמאלטס וועט די מעלה פון זיין תפילה פארגרעסערט ווערן עד אין שיעור.

אויב מיר ווען זאגן די ברכות השחר יעדן אינדערפרי מיט א חברותא, און צוליב דעם דאווענען מיט די ריכטיגע אמונה, וועט זיכער אונזער תפלה אגענומען ווערן ברחמים וברצון. אמן.

**מיט א רוף 'אמן - דער יסוד פון כל התורה'**

**א גוט שבת**

*יעקב דוד מארמארשטיין*

# א וואונדערליכן נס אין 'זאת חנוכה'

אין איין שרעקליכע מינוט, מאנטאג ב' טבת, 'זאת חנוכה' תשס"ט, האט זיך געענדערט דאס לעבן פון ר' רפאל אריה דייטש שיחי' פון מודיעין עילית.

אין יענעם אינדערפרי איז ר' רפאל אריה, וועלכער איז אין יענע צייט געווען באקאנט נאר מיטן נאמען ר' אריה, ארויף אויפן דאך פון א געביידע אויף די רבי יהודה הנשיא גאס אין זיין וואוינארט, בראכפעלד, צו העלפן זיין ברודער דעם קאנטראקטער נאכקוקן די ארבעטער און די ארבעט דארט.

דאס איז געווען אין די צייטן וואס עס האט געהערשט א אנגעצויגענקייט אין ארץ ישראל. צוויי טעג פריער זענען אומגעברענגט געווארן עטליכע אראבישע קינדער אין עזה, און די כוואליעס פון העצערייען וואס זענען געקומען פון די עזה-פאס, האבן זיך שטארק צושפרייט אין אלע אראבישע צענטערן אין לאנד. די כאמאס טעראריסטן האבן אויפגערייצט די אנדערע אראבער איבער'ן לאנד ארויסגיין אין א 'סימפאטיע-סטרייק מיט זייערע עזה-ברידער', און אויך די ארבעטער וועלכע זענען יא געקומען צום ארבעט, זענען געווען שטארק אויפגעהעצט.

ווי דערמאנט, איז ר' אריה ארויף אויפן דאך פון די געביידע וואו ער האט דורכגעפירט



מודיעין עילית

א ארבעט, צוגעגאנגען צו איינעם פון די ארבעטער וואס האבן געארבעט אונטער אים און אים געגעבן עטליכע אנווייזונגען אויף די היינטיגע ארבעט.

אין יענע מינוטן איז ר' אריה געווען אליין מיטן ארבעטער אויפן דאך, און מיטאמאל, איז דער ארבעטער צו אים צוגעשפרונגען ווען ער מורמלט עפעס ארויס 'ענק הרג'ענען קינדער אין עזה' און האט אראפגעלאזט דעם האמער וואס ער האט געהאלטן אין האנט - א האמער פון פינף קילא - אויף זיין קאפ מיט געוואלד, און אים אויך ברוטאל צושטאכן און אנטלאפן.

ר' אריה איז געפאלן אויף די ערד דורכגעווייקט אין בלוט, אבער דער אראבער איז נישט געווען צופרידן דערמיט, ער איז אראפ איין שטאק, געשטאכן די אייגנטימער פון די דירה און זיי גרינג פארוואונדעט, דערנאך איז אראפ אין גאס און געשטאכן און פארוואונדעט נאך דריי מענטשן. און ענדע האט ער אנגערופן א אידישער קאנטראקטאר וועמען ער האט געקענט, און מיט א אויסרייד אז ער פילט זיך נישט גוט, האט ער אים געבעטן אים צוריק פירן ביז צום טשעק-פוינט ביים ארייננגאנג פון זיין דארף.

און דערווייל איז אין דער בראכפעלד געגנט געווארן א טומל. די נייעס אויף די אטאקע האט זיך שנעל צושפרייט, די תלמידים האבן זיך פארשפארט אין זייערע קלאסן.

אין די צייט וואס די הצלה-וואלונטירן האבן באהאנדלט די פארוואונדערטע, האט קיינער נישט געוואוסט אז ר' אריה ליגט אויפן דאך אין א שרעקליכן צושטאנד. ער איז געליגן אזוי לאנגע מינוטן, און וואלט געקענט בלייבן אזוי נאך אסאך לאנגע מינוטן, ווען נישט דער אויבערשטער האט געהאלפן אז צוויי פון זיינע חברים, הרב חיים הענפלינג שיחי' און הרב עודד מגירא שיחי', זענען ארויף אויפן דאך זוכן זייער חבר ר' אריה, און דארט האבן זיי אנטדעקט זייער ידיד ליגט אין בלוט אומבאוואוסטזיין.

ר' אריה איז שנעל אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל ווען ער איז שטערבערליך פארוואונדעט, און איז גלייך אריבער א ריי עמערדזשענסי אפעראציעס וואס האבן אים געראטעוועט פון א באלדיגן טויט. צוליב דעם שווערן קלאפ אויפן קאפ, זענען די דאקטוירים געווען זייער פעסימיסטיש וועגן זיינע שאנסן אויף א גענצליכע ערהוילונג.

וואכן לאנג האבן די דאקטוירים, משפחה מיטגלידער און פריינט פון ר' אריה איינגעריסן שערי שמים אויף זיין רפואה, אויף די באפעל פון די רבנים האט מען אים צוגעלייגט דעם נאמען 'רפאל'. פון יענעם טאג אן איז דער נאמען 'רפאל אריה בן ורדה' פארשפרייט געווארן איבעראל. יעדער וואס האט געהערט פון די שווערע פאל, האט געדאוונט און מקבל געווען קבלות טובות, אין אלע תלמוד תורה'ס און שולן האט מען געבעטן פאר זיין רפואה, ווען אין שפיטאל קעמפן די דאקטוירים אויף זיין לעבן.

נאך אסאך חדשים, מיט אסאך נסים, האט ר' רפאל אריה צום ערשטן מאל געעפענט די אויגן, אבער ער האט נישט געקענט דערקענען די וואס זיצן ארום אים. ערשט נאך א גאנצע יאר פון אן אינטענסיווע ריהאביליטעשן-פראצעס (תהליך שיקום), האט ר' רפאל אריה'ס קערפער אנגעהויבן צוריק פונקציאנירן. נאך בערך צוויי און א האלב יאר האט זיך פארענדיגט דער לאנגער און שווערער וועג און ר' רפאל אריה האט געקענט זיך אומקערן צו זיין הויז, בשעת ער האט זיך ווייטער צוביסלעך ערהוילט פון די שווערע קלאפ וואס ער האט געליטן.

אין די גאנצע שווערע תקופה וואס ער האט דורכגעמאכט, זאגט ר' רפאל אריה עדות, דאס מערסטע האט אים געשטארקט און געגעבן כח דער פאקט אז דאס גאנצע אידישע פאלק האבן אויף אים געדאוונט. "'מדן ועד באר שבע' איז נישט געווען קיין קינד, וואס האט נישט געקענט זאגן דעם נאמען 'רפאל אריה בן ורדה'", זאגט ר' רפאל אריה. זיין שווערן מצב האט צוגערירט צום הארץ פון יעדן איד.

אלס ביישפיל אויף דעם ציטירט ר' רפאל אריה דעם פאלגנדן פאל: "פארגאנגענע וואך האט מיין מאמע שתחי' געדארפט עפעס ערלעדיגן אינעם אינערן-מיניסטעריום. ווען די באאמטע האט באמערקט איר נאמען און איר פאמיליע נאמען, האט זי איר געפרעגט: דו ביסט די מאמע פון יענעם פון דער מעשה מיט די האמער...?'". עס ווייזט זיך אויס, אז דער גאר באקאנטער נאמען איז געווען אויסגעקריצט אין איר הארץ, אז פערצן יאר שפעטער, איז עס נאך ביי אלעמען באקאנט.

ר' רפאל אריה וויל באזונדער אנווייזן אויף די השפעה פון די תפילות וואס ציהט זיך אויף זיין גייסטיגן שטייגן. פון זיין ערהוילונג ביז יעצט, גרייט ר' אריה צו יעדעס יאר אין טאג 'זאת חנוכה' - די טאג וואס די אטאקע איז געשען - א סעודת הודאה מיט די באטייליגונג פון חברים און באקאנטע, ווען די הויכפונקט איז דער סיום מסכת וואס ער מאכט ביי די סעודה, א מסכת וואס ער לערנט מיט פלאג און הארעוואניע איבערן יאר.

ר' אריה פארענדיגט דעם שמועס מיט דעם מעסעדזש: "ווען מען האט מיך צוקלאפט מיט דעם האק וואס האט געזאלט ענדיגן מיין לעבן, בין איך געווען זיכער אז דאס איז דער סוף. ווען איך האב זיך אויפגעוועקט אין שפיטאל צום ערשטן מאל און זיך איבערגעצייגט אין מיין שווערע מצב, און אין מיין אוממעגליכקייט צו פונקציאנירן האב איך געקענט אויפגעבן און צוקלאפט ווערן, אבער בחסדי שמים און מיט די כח פון די תפילות האב איך באשלאסן זיך אנכאפן בארצות החיים. איך האב באשלאסן אין הארץ אז פון יענעם טאג אן וועל איך אינוועסטירן מיין גאנצע כח אין שטייגן, פיזיש און גייסטיש, און בחסדי שמים האב איך זוכה געווען צו א געוואלדיגע סיעתא דשמיא, און איך שטיי דא פאר אייך אלס א געזונטער מענטש ווי יעדער.

געהערט פונעם בעל המעשה

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## נאכן הערן א ברכה אן קיין שם ומלכות

**א. דער וואס האט פארגעסן צו דערמאנען 'שם שמים' אין זיין ברכה, איז נישטא קיין חיוב צו ענטפערן אמן נאך אים, ווייל ער האט נישט יוצא געווען די ברכה. אבער נאך איינער וואס האט יא דערמאנט 'שם שמים' אין די ברכה, אבער ער האט נישט דערמאנט 'מלכות', טאר מען נישט ענטפערן אמן, ווייל ער האט ארויסגעזאגט דעם שם שמים אומזיסט.**

מקורות וביאורים:

אין 'שלחן ערוך' (או"ח רטו ב) איז גע'פסק'נט: "שינה ממטבע הברכות, אין עונים אחריו אמן". שרייבט דער 'משנה ברורה' (שם יא): "דווקא ווען ער געטוישט אויף א אופן וואס צוליב דעם האט ער נישט יוצא געווען די ברכה, און ער איז ווי איינער וואס זאגט א ברכה לבטלה, וואס מען טאר נישט ענטפערן אמן נאך אים". און אין 'שלחן ערוך' (או"ח ריד א) ווערט גע'פסק'נט אז אויב דער מברך האט פארגעסן צו דערמאנען ביי זיין ברכה שם אדער מלכות, האט ער נישט יוצא געווען די חיוב פון די ברכה. לויט דעם, דער וואס פארגעסט צו דערמאנען שם שמים, טראץ עס איז נישט קיין חיוב צו ענטפערן אמן, וויבאלד ער האט נישט יוצא געווען די חיוב פון די ברכה איז עס נישט קיין איסור, ווייל דער מברך האט נישט דערמאנט דעם שם שמים לבטלה. (שו"ת 'בצל החכמה' ח"ה סי' פט. וראה 'דרך פקודיך' מצוה לו חלק הדיבור אות ד). אבער אויב ער האט דערמאנט די שם שמים און נישט דערמאנט מלכות, ווייל דערמאנען 'מלכות' איז מעכב, קומט אויס אז ער האט דערמאנט די שם שמים לבטלה, און זיין הלכה איז ווי איינער וואס האט געזאגט א ברכה לבטלה וואס מען מעג נישט ענטפערן אויף דעם אמן ('נוטרי אמן' ח"ב עמ' כ, ע"פ ביאור הלכה שם ד"ה 'ואם דילג').

•

**ב. איינער וואס זאגט א ברכה אן קיין שם ומלכות, א ברכה וואס די פוסקים שרייבן מען זאל אזוי זאגן די ברכה, אזוי ווי די ברכה 'ברוך שפטרני' פאר איינער וואס זיין זון איז אריין לעול תורה ומצוות, און עס איז דא וואס פסק'ענען מען זאל עס זאגן אן א שם ומלכות ווייל עס איז נישט דערמאנט אין גמרא, איז נישטא קיין חיוב צו ענטפערן אמן נאכדעם.**

מקורות וביאורים:

די ברכה 'ברוך שפטרני' ווערט נישט דערמאנט אין גמרא, נאר אין מדרש (ב"ר סג י), און וועגן דעם קריגן זיך די פוסקים (ראה שו"ע או"ח רכה ב ובמשנ"ב שם ח) צי מען זאל עס זאגן מיטן דערמאנען שם ומלכות. אין 'הליכות שלמה' (תפילה, עמ' רצג) שטייט אז אויב מען זאגט עס אן קיין שם ומלכות, ענטפערט מען נישט אמן אויף דעם. אזוי קומט אויך אויס פון די 'שערי אפרים' (שער ד סעיף לג) וואס שרייבט לגבי ברכה 'דיין האמת' וואס די וואס זענען עולה לתורה אין תשעה באב זאגן עס "וויבאלד מען זאגט עס אן קיין שם ומלכות און מען ענטפערט נישט אמן, פירט מען זיך עס זאגן שטיל". אויך די וואס פירן זיך נישט דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען ביי די ברכה "המקדש שמו ברבים" ווייל עס ווערט נישט דערמאנט אין תלמוד בבלי (ראה ט"ז או"ח מו ט), פירן זיך עס זאגן שטיל ווייל מען ענטפערט נישט נאכדעם אמן (שו"ת 'בצל החכמה' שם).

אויך די וואס האלטן אז עס איז דא ריכטיגער חיוב צו ענטפערן אמן אויף ברכת הזימון כאטש מען דערמאנט נישט קיין שם ומלכות (ראה משנ"ב קצח ד), פון דעסוועגן זענען זיי מודה אז דער וואס פארגעסט צו דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען אין זיין ברכה אדער ער לאזט עס איבער צוליב א ספק, איז נישטא קיין חיוב ענטפערן אמן. ווייל די ברכות וואס מען האט זיי לכתחילה מתקן געווען צו דערמאנען ביי זיי שם שמים, אויב זאגט מען עס אן דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען, מיט דעם האט מען געטוישט דעם נוסח וואס די חכמים האבן אוועק געשטעלט. אבער אויף ברכת הזימון וואס לכתחילה האט מען עס מתקן געווען אן צו דערמאנען שם ומלכות, דארף מען מען ענטפערן אמן (שו"ת 'בצל החכמה' שם צ).

# גדול העונה

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

## אמרות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מבאיאן שליט"א

אין גמרא אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהושע בן לוי: כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כוחו - קורעין לו גזר דינו". רש"י (שם ד"ה בכל כחו) זאגט 'בכל כוחו' מיינט "בכל כוונתו". און תוספות (שם ד"ה כל העונה) זאגט, בכל כוחו מיינט "בקול רם", און ברענגט צו א פסיקתא: "כשישראל נכנסין לבתי כנסיות ואומרים יהא שמיה רבא מברך בקול רם, מבטלים גזירות קשות". לאמיר זיך אלע נעמען צוזאמען און מקבל זיין אויף זיך צו ענטפערן "אמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא" מיט כוונה און בקול רם - "בכל כוחו".

מען זאל זאגן יעדע אמן בקול רם און מיט כוונה. דאס איז דאך די עצה פון כלל ישראל שטענדיג, אויך אין די שווערסטע צייטן, ווי ס'שטייט (פיוט לימים נוראים) עצתו אמונה, די עצה איז אמונה.

צדיקים האבן דאך געזאגט, האמנתי כי אדבר (תהלים קטז, י), האמנתי, מ'קומט צו צו אמונה דורך דעם וואס מ'רעדט פון אמונה און מ'שמועסט פון אמונה. יעדע אמן וואס מען ענטפערט איז 'האמנתי כי אדבר', מען ענטפערט דאך אמן צענדליגער מאל א טאג און אמאל הונדערטער מאל א טאג, לאמיר זאגן מיט כוונה יעדעס מאל וואס מ'ענטפערט אמן.

אויף די גמרא (שבת קיט ב): "מאי אמן? אמר רבי חנינא: א-ל מלך נאמן", זאגט רש"י (שם ד"ה א-ל): "כך מעיד על בוראו שהוא א-ל מלך נאמן". דורך ענטפערן אמן ווערט דער מענטש מער געשטארקט אין זיין אמונה, און ס'שטייט פון צדיקים אז אמונה איז א לשון המשכה, מיט אמונה איז מען ממשיך אלעס; מ'איז ממשיך גוט'ס, מ'איז ממשיך חסדים און מ'איז ממשיך רחמים. (ער"ה תשפ"א)

•

קדיש איז א ענין פון קידוש השם, עס שטייט (ויקרא כב, לב): ונקדשתי בתוך בני ישראל, ווען מ'זאגט קדיש און מ'ענטפערט אמן אויף דעם איז מען מקדש שם שמים ברבים. און דאס מיינט אויך זאגן "ברוך הוא וברוך שמו" און "אמן" אויף אלע ברכות וואס איז דא ביים דאווענען. דער זוהר הק' (ח"ג רפה:) רעדט זייער הויך וועגן ענטפערן אמן, אז עס עפנט אויף די טויערן, שערי רחמים און שערי ברכה, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים", און חז"ל דרש'ענען (שם) "אל תקרי אמונים אלא אמנים" (י"ג אלול תשע"ג).



# מאוצרות אמונים

### ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

## אמן – עבודת הלב

אויף א באזונדערע מעלה וואס איז דא ביים ענטפערן אמן בכוונה, שטעלט זיך רבי בנימין יהושע זילבער בעל 'אז נדברו' (ח"ב סי' עט):

ווי באקאנט, די חכמים (תענית ב א) רופן אן תפילה 'עבודה שהיא בלב". אבער דער 'חובות הלבבות' (שער חשבון הנפש פ"ג החשבון התשיעי) ערקלערט אז ווייל עס איז שווער פאר א מענטש קאנצענטרירן זיין מחשבה, האבן די חכמים מתקן געווען אז ביים דאווענען זאל מען ארויסזאגן די ווערטער מיטן מויל, ווייל דורך דעם וועט ער קענען צובינדן זיין מחשבה צו די ווערטער פון די תפילה און דאווענען מיט די ריכטיגע כוונה.

אבער דער וואס הערט זיין חבר זאגט א ברכה און ענטפערט אמן מיט כוונה, דינט ער דעם אויבערשטן נאר מיטן הארץ אליין, אזוי ווי די ריכטיגע אויסקוק פון תפילה מעיקר הדין. צוליב די גרויסע מעלה וואס איז דא ביים ענטפערן אמן, זאגן די חכמים (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

## 'אמן' - צידה לדרך

ווען רבי אליהו ראטה האט געדינט אלס משגיח אין דער רוזשינ'ער ישיבה אין ירושלים, האט זיך אמאל ארגאניזירט א נסיעה אויף די מקומות הקדושים. רבי אליהו האט געבעטן, אז די בחורים זאלן מיטנעמעןביי די נסיעה פארשידענע עסנווארג, וואס מען זאגט אויף זיי פארשידענע ברכות. דורכאויס די נסיעה האבן די בחורים געזאגט הויעך די ברכות איינער נאכן אנדערן, ווען אלע ענטפערטן אמן נאך זיי.

די דערהויבענע נסיעה איז איינגעקריצט געווארן אויף אייביג אין די הערצער פון די באטייליגטע. ווען דאס מערסטע פון אלעס האט זיי באגייסטערט די שטראלנדיגע געשטאלט פון רבי אליהו וואס האט זיך אנגעזעהן אויף אים, עס האט אויסגעזעהן אז ער האט נישט קיין גרעסערע פארגעניגן ווי ענטפערן אמן ('איש חסיד היה' עמ' רסח).

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע פון דעם טייערן גליון 'וכל מאמינים' שלום וברכה

אלס א בלעטעל וואס דינט אלס א פלאטפארמע צו מחזק זיין ענטפערן אמן, איז פאסיג צו שיקן פאר אייך א מעסעדזש וואס איך האב געהערט פון איינעם פון די ירושלימער צדיקים, וואס קומט אפט צום ציון פון דער תנא האלקי רשב"י אין מירון.

ווען מען קומט מעורר זיין רחמי שמים אין מירון, דארף מען זייער אכטונג געבן נישט פארמאכן די טויערן פון הימל ווען ער געפונט זיך אין דעם הייליגן ארט. וואס איז די כוונה?

עס שטייט אין זוהר (וילך רפה ב): "כל מאן דשמע ברכה מההוא דמברך, ולא אתכוון באמן, עליה נאמר "ובוזי יקלו". מאי עונשיה? כמה דלא פתח ברכאן לעילא, כך לא פתחין ליה" [איבערגעטייטש לויט די טייטש 'מתוק מדבש': ווער עס הערט א ברכה פון דער מברך, און האט נישט אינזין ביי די אמן, אויף אים איז געזאגט געווארן "ובוזי יקלו". און וואס איז זיין שטראף? אזוי ווי ער האט נישט געעפנט אויבן די טויערן פון ברכות, אזוי אויך עפענט מען נישט פאר אים די טויערן פון שפע].

ווי באקאנט דינט דער בנין וואס איז געבויט אויפן קבר פון רשב"י אלס א שול, און עס קומען דארט פאר אסאך מנינים אין לויף פון טאג. אויב א מענטש קומט אריין און הערט ווי דער ש"ץ זאגט איבער די שמו"ע אדער ער זאגט א ברכה, און ענטפערט נישט אמן ווי עס דארף צו זיין, פארמאכט ער דערמיט די טויערן פון הימל. די ווערטער האבן א באזונדערן באדייט אין אתרא קדישא מירון, וואס די וואס קומען דארטן דאווענען פארלאזן זיך אויף דעם אז די שערי שמים זענען דארט אפן אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן - וויאזוי קען מען זיך אויף דעם פארלאזן, ווען אין דער זעלבער צייט טוט מען איגנארירן די ווערטער פון רשב"י אליין אין הייליגן זוהר?!

נאך שטייט אין זוהר (שלח קסב א): "מאן דקצר באמן ולא מאריך ביה גו נייחא, יתקצר מחיין דהאי עלמא" [טייטש: דער וואס פארקירצעט דאס ענטפערן אמן און איז נישט מאריך עס זאגן שטייט, וועט זיין לעבן פארקירצעט ווערן אין דער וועלט]. די ווערטער פון רשב"י טרייסלען אויף יעדע הארץ און פארפליכטעט די וואס קומען צום הייליגן ציון צו ענטפערן אמן בדחילו ורחימו מיט כוונה און געלאסן, ווייל אויב נישט, קען מעגליך זיין אז אנשטאט א ברכה ברענגט ער אויף זיך דאס פארקערטע פון א ברכה ח"ו.

יענער צדיק האט מיר צוגעלייגט אויף דעם די לעצטע שטיקל פון דער פיוט "ואמרתם כה לחי": ווען "תורתו מגן לנו היא מאירת עיננו" מיר פירן זיך לויט זיינע ווערטער, און מיר זענען מקיים וואס עס שטייט פון אים, זענען מיר פארזיכערט אז "הוא ימליץ טוב בעדינו".

**דאס זענען ווערטער פון 'האומר דבר בשם אומרו'**
**שמעון דוד לעווי**
**עיה"ק ירושלים ת"ו**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער 'בינת יששכר'
## ט"ז שבט תקנ"ח



דער פלאץ וואו עס איז געשטאנען די שוהל אין מאטערסבורג [אמאל 'מאטערסדארף') עסטרייך, וואס איז חרוב געווארן דורך די נאציס ימ"ש

רבי יששכר בער בלוך איז געווען דער זון פון רבי שמשון מהאמבורג בעל 'נזירות שמשון' אויף שו"ע או"ח און 'תוספות חדשים' אויף ששה סדרי משנה. ער האט געלערנט ביי זיין פאטער און ווערט פארערכנט ווי א תלמיד מובהק פון רבי ר' יהונתן אייבשיץ.

אנגעהויבן פון יאר תקכ"ח האט ער געדינט אלס רב אין עטליכע שטעט אין מורביה (היינט טשעכיי), און בערך פופצן יאר שפעטער איז ער גערופן געווארן צו דינען אלס רב אין סעמניץ, אונגארן, וואו זיין גרויסקייט און קדושה איז דארט באוואוסט געווארן צווישן די קהילות קדושות בישראל. אין יאר תקמ"ה האט ער געדרוקט אין פראג זיין ספר 'בינת יששכר' וואס כולל אין זיך מוסר און תוכחה.

אין זיינע שפעטערע יארן אנהויב יאר תקנ"ח איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין מאטערסדארף, און צו די ווייטאג פון אלעמען עטליכע חדשים שפעטער, ליל שישי ט"ז שבט תקנ"ח, איז ער נסתלק געווארן לגנזי מרומים. דער 'חתם סופר' וועלכער איז געווען מיט אים נאנט, איז פארבעטן געווארן צו זיין זיין ממלא מקום אין די רבנות אין שטאט.

זיינע חידושים אויף די משניות זענען געווען ביים 'חתם סופר', און דורך די מיה פון זיין זון רבי שמעון סופר פון קראקא זענען זיי געדרוקט געווארן אין די משניות וואס איז געדרוקט געווארן אין לעמבערג אונטערן נאמען 'בני יששכר' - ווייל ער האט נישט איבערגעלאזט קינדער. אין די הסכמה אויפן דרוקן די משניות, שרייבט רבי שמעון סופר אז זיין פאטער דער 'חתם סופר' "היה מפליג מאוד בשבחי תורתו וקדושתו" פונעם מחבר.

## די חשיבות פון מוסר
## זאגן אויף מזלזל זיין אין אמן

אין זיין ספר 'בינת יששכר' (אנהויב פרק 'דרך חיים') שרייבט רבי יששכר בער אז א רב אין א שטאט מעג זיך נישט אפהאלטן פון צו זאגן מוסר פאר די מענטשן אין זיין שטאט, אויך אין א צייט וואס זיי וועלן אים וועגן דעם פיינט האבן. און לייגט צו: איינס פון די זאכן וואס דער רב דארף מוסר'ן און מעורר זיין די שטאט'ס מענטשן, איז זיי זאלן מקפיד זיין ענטפערן יעדע אמן כראוי וכהלכה, איבערהויפט זאלן זיי מקפיד זיין אויף די דריי סארט אמנים וואס אויף זייווארנען אן די חכמים אין מסכת ברכות (מז א): א. 'אמן חטופה' - וואס ווערט געענטפערט נישט מיט די ריכטיגע נקודות; ב. 'אמן קטופה' - דער וואס ענטפערט כאפט און שלינגט איין איינע פון די אותיות; ג. 'אמן יתומה' - וואס מען ענטפערט אן צוהערן די ברכה.

לייגט צו דער בעל 'בינת יששכר' אז דוד המלך האט שוין מרמז געווען אויף די וויכטיגקייט פון אכטונג געבן אויף די דריי אמנים, אין דער פסוק (תהילים נ טז): "וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי"; חק"י איז ראשי תיבות: 'חטופה', 'קטופה', 'יתומה'.